# די מוסדות מגבית

ערשיינט אין בעפארברייטונג צום דינער לטובת מוסדותינו הק׳



מוסדות יטב לב דרבינו יואל מסאטמאר

פעיה"ק ירושלים תובב"א

פרשת עקב י"ט מנחם אב תשע"א לפ"ק – גליון א'

עץ חיים היא למחזיקים בה:

## גרויס עקסטאז ביים ציבור אנ"ש לכבוד דעם בעפארשטייענדן דינער

וועט אפגעראכטן ווערן אי"ה ברוב פאר והדר יום א׳ אור ליום ו׳ אלול – צוזאמען מיטן סעודת הילולא קדישא לרגל דעם יארצייט פון רביה"ק בעל ייטב לב זי"ע – אין עטרת שלום זאל

3

הנהלת המוסדות מיט א רוף צו אנ"ש: מיט'ן חתמ'ענען הו"ק פון 100 $ א חודש וועלן מיר בעז"ה קענען נאכקאפירן די פאריעריגע סוקסעס

## נייע פראכטפולע צדקה פושקעס וועט פארטיילט ווערן פאר אנ"ש שיחיו

כ"ק מרן רביה"ק בעל דברי יואל זי"ע אין א מכתב קודש פאדערט פון יעדן איינעם מאנ"ש צו אריינשטעלן די פושקעס

כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א:

מוסדות יט"ל איז געווען ביים פעטער די ערשטע צדקה

11

## קוויטלעך פון תורמי המוסדות וועט איבערגעגעבן ווערן לידי הק׳ פון כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א

*להפקד בדבר ישועה ורחמים:*



בעת השתטחות על ציון המצוינת כ"ו אב יומא דהילולא רבא

7 זייט

## 2 קליינע צעטעלעך

וואס האבן אריינגעברענגט אן עקסטאז פון פרייד ביי הונדערטער אידישע קינדער



8

נייע קונטרס "הקפות הבהיר" וועט פארטיילט ווערן פאר אלע משתתפי המעמד אלס מזכרת פונעם דינער 7




## גבאי קודש פון רמבעה"נ בייטלעך וועלן באהערט ווערן מיט "נזר רבי מאיר בעל הנס" ביים מעמד הדינער 3



וואס זאגן מיר שולדיג

## אז אונזער טאטע איז נישט געווען קיין שוסטער ?

9

## ספעציעלע הגרלה פאר די וואס ברענגען מיט ביים דינער דעם סכום פון 100$ קעש און העכער

נאך ווערדפולע הגרלות וועלן אויסגעראפלט ווערן ביים דינער

7 זייט

# קריאה נרגשת

## לקראת המגבית השנתי

מוסדות יטב לב
דרבינו יואל
מסאטמאר
נתייסד ע"י כ"ק מרן רביה"ק בעל דברי יואל זי"ע
בהמשכת כ"ק מרן רביה"ק בעל ברך משה זי"ע
בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א
עיה"ק ירושלים תובב"א

ב"ה

שלומים מרובים, כטל וכרביבים, וטובה וברכה, ברביה והמשכה, יושפע מאלוקי המערכה,
על ראש אנשי שלומינו ידידינו תומכי ומוקירי תורה אלף פעמים ככה.

**הן** ידוע לכל אנ"ש הע"י המצב הקשה את אשר עברנו בשנתיים האחרונות, אשר לדאבונינו הרב לא זכינו כימי קדם לשלם משכורתם שלימה של הכלי קודש המלמדים והמגידי שיעור, אם כי עשינו כל מה שביכלתינו לשלם חלק מהמשכורת מידי חודש בחדשו, אבל מהחלק הנשאר חייב מידי חודש בחדשו נשאר עלינו חוב להכלי קודש עד ר"ח אלול ועד בכלל, **המסתכם לסכום של 332.512 ש"ח** (שלוש מאות שלושים ושתים אלף חמש מאות ושתים עשרה ש"ח) ולפי חשבון הדאלער בערך (לפי 3.5 לדאלער) **מסתכם הסכום ל-$95,003** (תשעים וחמש אלף ושלוש דאלער).

**ומן** המותר לתאר גודל הקושי אשר אי אפשר לתאר עלי גליון ע"י אי תשלומי השכר החודשי בעתו ובזמנו אשר מקשה על הכלי קודש העושים מלאכתם מלאכת ד' באמונה ובמסירות נפש ממש, כי באותו עת אשר ראשם ורובם להעלות את התלמידים על במתי התורה והיראה, מעיק עליהם הבעלי חובות בעלי החניות וכדו' ותוצאותיו מי ישורנו ח"ו.

**כזכור לכולנו זכינו בשנה העעל"ט אחרי המגבית לשלם השלמת המשכורות של חמשה חדשים, אחרי שזכינו בסייעתא דשמיא מרובה לארגן הלוואה פרוס בתשלומים על משך השנה, נגד הסכום אשר אנשי שלומינו בכלל, והורי התלמידים בפרט, קבלו עליהם להשתתף במגבית קודש - ע"י הוראת קבע - למשך השנה הבעל"ט. וכעת הוחלט לצאת שוב בקריאה קדושה אל אנ"ש לקבל על עצמם שוב סכום של $100 לחודש ע"י הו"ק, ובעז"ה נארגן הלוואה שנית, וכל פרוטה שיתקבל ע"י הוראת קבע יקבלו הכלי קודש כנגדה תשלום דמי המשכורות.**

**ובשעת** מבחן נבוא שעריו בפניה נרגשת לכאו"א מחברי קהלתינו אשר עתידה של מוסדותינו יקרה היא בעיניו, שאל ישתמט אף אחד להשתתף במגבית קודש זו, ועשה למענך ולמען עתיד דורותינו הבאים אחרינו. ולבנו סמוך ובטוח שידידינו אנ"ש והורי התלמידים אשר עתידם של דורותינו ובנינו הבאים אחרינו יקר וקדוש להם, יטו שכם אחד כדי שנוכל לגמור את החוב אשר בכתף עלינו ישאו.

**ובודאי** בזכות זה יחול עליכם כל הברכות האמורות בתורה, עץ חיים היא למחזיקים בה ותומכיה מאושר, אורך ימים בימינה ובשמאלה עושר וכבוד, שנות חיים ושלום, וברוך אשר יקים את דברי התורה הזאת.

**כ"ד המצפים לעזרתכם**
**הנהלת המוסדות**

## עץ חיים היא למחזיקים בה:

# גרויס עקסטאז ביים ציבור אנ"ש לכבוד דעם בעפארשטייענדן דינער

### וועט אפגעראכטן ווערן אי"ה ברוב פאר והדר יום א' אור ליום ו' אלול – צוזאמען מיטן סעודת הילולא קדישא לרגל דעם יארצייט פון רביה"ק בעל ייטב לב זי"ע – אין עטרת שלום זאל

**הנהלת המוסדות מיט א רוף צו אנ"ש: מיט'ן חתמ'ענען הו"ק פון 100$ א חודש וועלן מיר בעז"ה קענען נאכקאפירן די פאריעריגע סוקסעס**

ירושלים: גרויס שפאנונג הערשט אין די טעג לקראת דעם גרוסארטיגן יערליכן דינער לטובת מוסדותינו הק' וואס וועט אי"ה פארקומען דעם קומענדיגן זונטיג כי תצא אור ליום ו' אלול יומא דהילולא רבא פון מרן הרה"ק בעל יטב לב זי"ע ועכי"י, אין די זאלן פון "עטרת שלום".

וואו מען גייט וואו מען שטייט ארום א קבוצה פון אנ"ש אין די טעג, הערט זיך דער שמועס ארום דעם בעפארשטייענדן דינער, ווי אנ"ש בכלל, און עלטערן פון תלמידי המוסדות בפרט, ברענגען ארויס זארג אויף די מצב המוסדות, וואס טראץ ליידער מען האט זיך שוין אין א געוויסן מאס צוגעוואוינט צום שווערן מצב המוסדות, אז די מגידי שיעור, מלמדים און מחנכים, באקומען נישט באצאלט צייטליך זייער געהאלט, איז דאס אבער נאך אלץ נישט קיין בארואיגונגס מיטל, ווען מען טראכט אריין אז דער מלמד-מגיד שיעור פון מיין קינד, קען ליידער נישט האבן א רואיגן קאפ, צו פארלערנען א שטיקל גמרא, משניות, חומש, אדער אפילו נישט געבן קיין געהעריגן שמייכל פארן קינד, ווען זיין קאפ איז פארנומען ווי אזוי צו דעקן דעם בנק א.א.וו.

ביי פילע פון אנשי שלומינו ליגט נאך אין די ביינער וואס די הנהלה האט באוויזן מיט גרויס סייעתא דשמיא מיט איין יאר צוריק נאכן דינער צו אויסצאלן די השלמה פון 5 געהאלטן דורך דעם וואס פילע אנ"ש האבן גע'חתמ'עט הו"ק פון $100 א חודש, און די הנהלה האט ארויסגענומען א הלוואה פון איינע פון די נדיבי עם הרוצה בעילום שם, אנטקעגן דעם סכום, און אזוי האט מען געקענט צאלן א השלמה פון פינעף געהאלטן.

לאור דעם פאריאריגן סוקסעס, וואס האט אריין געברענגט א שמחה אין די הייזער פון די כלי קודש, און א שמחה ביי כלל אנשי שלומינו ווען זיי האבן געזעהן די שמחה אויף פנים'ער פון מחנכים פון זייערע קינדער, רופט די הנהלת המוסדות מיט א הייסע רוף צו אנשי שלומינו מ'זאל היי יאר אויך, זיך אנשטרענגען מיטן סכום פון $100 א חודש דורך הוראת קבע, און די הנהלה וועט אי"ה זוכן א נדבן בעם, וואס וועט אויסבארגן א סכום פאר די ההנהלה אויף וויפל ס'וועט אריין קומען ביזן דינער גע'חתמ'עטע הוראת קבע, כדי צו קענען באצאלן פאר די מלמדים, מגידי שיעור און כלי קודש פון די מוסדות.

ס'איז צום האפן אז אנ"ש וועלן פארשטיין דאס נחיצות הענין, און זיך אנרופן ווארעם צו די רוף פון די הנהלה, און אזוי העלפן אריין ברענגען א שמחה אין די שטיבער פון די כלי קודש.

עשה למען דורותיך הבאים אחריך.

## גבאי קודש פון "רמבעה"נ בייטלעך" וועלן באהערט ווערן מיט "נזר רבי מאיר בעל הנס" ביים מעמד הדינער

**ס'איז שוין ביי אנשי שלומינו ברייט באקאנט דער "רבי מאיר בעל הנס בייטל", וואס רובו ככולו פון אנשי שלומינו טראגן מיט זיך אין טאש, און נוצן עס אויס ביי יעדע געלעגנהייט, בעת שמחה, אדער בעת צר חלילה, און אפילו ביי א קליינע סגולה וואס מען דארף האבן, ווי מ'לייגט אריין אין "רבי מאיר בעל הנס בייטל" א פרוטה, און רוב רובם זענען מקפיד נישט צו פארפעלן א טאג, פון צו אריינלייגן לכה"פ איין שקל.**

**און מ'קען טאקע שוין היינט זאגן בפה מלא, אז די אלע וואס האבן זיך באנוצט מיט די רבי מאיר בעל הנס בייטל, זענען נישט אנטוישט געווארן, פילע סיפורי מופת, קליינע און גרויסע, דרייט זיך היינט ארום צווישן אנשי שלומינו זה בכה וזה בכה, דער איז געהאלפן געווארן מיט א ישועה למעלה מדרך הטבע, און דער איז געהאלפן געווארן מיט טרעפן א אבידה א.א.וו.**

**אבער ספּעציעל דארף ארויסגעברענגט ווערן לשבח די גבאי קודש וואס גייען ארום צוזאמנעמען נדבות ביי די מנינים אין ביהמ"ד מידי יום ביומו, וואס זענען מקיים דעם גדול המעשה יותר מן העושה, און שטעלן צוזאם שיינע סכומים מידי חודש בחדשו, און פרוטה לפרוטה מצטרף לחשבון גדול, אויף זיי איז זיכער געזאגט געווארן דער פסוק "ומצדיקי הרבים ככובים יזהירו כזוהר הרקיע", זייענדיג מזכה את הרבים טאג טעגליך צו תורם זיין פאר די הייליגע מוסדות צדקת רבי מאיר בעל הנס.**

**וועגן דעם איז טאקע פאסיג בשעת דעם יערליכן דינער פאר די הייליגע מוסדות, וואס דינט אלס כינוס לשם שמים, פאר אלע אנשי שלומינו, וואס קומען ארויסווייזן סלאדירעטעט בגוף ובממון, פאר די הייליגע מוסדות און די הנהלת המוסדות, אז די הנהלה זאל ארויסווייזן א הכרת הטוב פאר די אלע עסקנים לשם שמים, וואס טוהען א גאנץ יאר זייער עבודת הקודש בהצנע לכת, שלא על מנת לקבל פרס.**

**וכל העוסקים בצרכי ציבור באמונה השי"ת ישלם שכרם.**

ב"ה

# ותטיב לנו החתימה



**בחתימה אחת תוכל להכניס אור בבתי הכלי קודש של מוסדותינו**




חתום על
## הוראת קבע
**על סך $100 לחודש**
**החזקת מלמד לחודש**

והנהלת המוסדות
## יארגן הלוואה
נגד הסכום שיחתם

מוסדות יטב לב דרבינו יואל
מסאטמאר
נתייסד ע"י כ"ק מרן רביה"ק בעל דברי יואל זי"ע
בהמשכת כ"ק מרן רביה"ק בעל ברך משה זי"ע
בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א
עיה"ק ירושלים תובב"א

# דינער השנתי
יום א' כי תצא • ו' אלול תשע"א
עטרת שלום • ירושלים תובב"א




געוועז איז דאס אין די טעג ווען אין די אידישע וועלט האט געברענט א פייער ארום די באוואוסטע מחלוקה צווישן בית צאנז און רוזשין, נו פארשטייט זיך אז מען רעדט פון אזעלכע ריזן, ווער זענען מיר מען זאל בכלל רעדן אדער אפילו טראכטן פון דעם, אבער נישט אויף דעם נושא ווען מיר זיך שטעלן אינעם היינטיגן ארטיקל, נאר א קליינע סיפור און שיחת חולין של תלמידי חכמים הצריכה לימוד, וואס איז פארגעקמען אין יענע טעג.

ווי באוואוסט פלעגט דער הייליגער צאנזער רב זי"ע ועכ"י פון מאל צו מאל אריינקומען אין ביהמ"ד און רעדן צום עולם בקול רם, מאכט זיך אמאל אין יענע טעג, דער הייליגער צאנזער רב זי"ע קומט אריין אין ביהמ"ד, און שרייט אויס ווי פאלגענד, מיין איציק (דער צאנזער רב האט געהאט א חסיד ר' איציק אין שטאט וויען) פונעם עיר מלוכה (ווי באוואוסט פלעגט דער הייליגער צאנזער רב זי"ע נישט רופן די שטעט אויף די נעמען, ווייל ער האט חושש געווען אז דאס הייסט נאך עבודה זרה) האט מיר געשריבן, איך זאל אפלאזן די מחלוקה, ווייל מען רעדט פון מיר אין בית המלכות, און איך געפין זיך אין א סכנה חלילה, אבער - שרייט ווייטער דער צאנזער רב - איך האב נישט מורא פון קיינעם אויף די וועלט, און אפילו פונעם מלך אליינס אויך נישט.

דא האט דער צאנזער רב זי"ע אראפגעמידערט זיין קול און זיך אנגעחפן, עטס ווייסט פון וואס מען דארף יא מורא האבן, פון א קרעכטץ פון א איד א ארעמאן ווייל דאס קען חלילה שאטן לדורי דורות.

## כלפי מה הדברים אמורים?

אנשי שלומינו דאהי אין ירושלים שטיען אין די טעג בעפאר דעם יערליכן דינער דער "מגבית השנתי" וואס וועט אי"ה, ווי יאר יערליך געפראוועט ווערן דעם קומענדיגן ו' אלול, לטובת אונזערע הייליגע מוסדות.

ס'איז נישט קיין סוד אז אונזערע מוסדות דאהי פלאגן זיך שרעקליך, מען דראפעט זיך אויף גראדע ווענט צו קענען דורכשטיפן נאך א טאג און נאך א טאג, ווער רעדט נאך פון דורכשטיפן א וואך, א חודש אין די מוסדות, נו אויף דעם איז דא חברי ההנהלה וואס זיי האבן גענומען אויף זיך דעם שווערן עול, צו שאפן ביי נדיבי עם די ריזגע אסטראנאמישע סכומים און לכאורה וואס האט עס צו אונז ליינער פונעם ארטיקל, אדער סתם עמך אידן?

אבער ליידער האט זיך דער מצב נישט אפגעשטעלט ביי די חברי ההנהלה, ווייל וויפל קענען עטליכע עסקנים שלעפן אויף זיך, ווען דער מצב איז אזוי שווער אין די וועלט, און אלס רעזולטאט דערפון איז שוין באלד צוויי יאר וואס די מגידי שיעור, מלמדים, מחנכים, מנהלים, פון אונזערע - אייערע קינדער, האבן נישט באקומען באצאלט געהעריג זייער געהאלט.

דאס איז אמאל זיכער אז ווען די הנהלה זעצט זיך צוזאם אויף א מיטונג, ויאזוי צו דעקן דעם בודזשעט, וויאזוי צו צוטיילן די הכנסות מיט די הוצאות, וואס מען קען יא געבן פאר די כלי קודש, און וואס נישט, איז דער חלק ה"נישט" הימל שרייענד, די הארץ רייסט, ווען מ'דארף מחליט זיין אזעלכע גורל'דיגע החלטות, פאר די מחנכים פון אונזערע טייערע קינדער צאן קדשים, ווידעראמאל קומט א ראש חודש, און די כלי קודש באקומען נאר א חלק פון זייער געהאלט, ווידעראמאל, וועט דער איינגשטעלטער, זיין אויסגשטעלט צו בושות וחרפות, ווען דער גראסערי אייגענטומער וועט אים זאגן: איך קען שוין מער נישט איינשרייבן...

און... די מגידי שיעור און מלמדים, זיי זענען ווייטער דא, זיי טוהען זייער עבודת הקודש מלאכת ד' באמונה, און די זיבן אכט שעות וואס זיי געפונען זיך אין ישיבה – חדר, איז כולו קודש לד', זיי פארגעסן פון אלע חובות, זיי פארגעסן

פון אלע דאגות, נישטא קיין דאגות פון פרנסה, איצט איז מען עוסק במלאכת הקודש.

אבער טייערע אידן שטעלט אייך א ביסל פאר דעם טיפן קרעכטץ וואס א מגיד שיעור אדער מלמד געט ארויס, ווען ער איז זיך מוסר נפש און שטרענגט זיך אן די בעסטע וואס ער קען, און עס קומט ראש חודש און ער ווייסט אז ער גייט חלילה ווייטער אויסשטיין די בושות וחרפות ווען דער גראסערי וועט אים זאגן ווייטער דעם ניין.

ווי האט דער הייליגער צאנזער רב געשריגן מנהמת לבו הטהור?

עטס ווייסט פון וואס מען דארף יא מורא האבן, פון א קרעכטץ פון א איד א ארעמאן...

**א קרעכטץ פון א מלמד!**

**א קרעכטץ פון א מגיד שיעור!**

**א קרעכטץ פון א מחנך פון אייער קינד!**

**אויף דעם דארפן מיר זארגן.**

### *הודיה על העבר ובקשה על העתיד*

ווי די ליינער וועלן זיכער געדענקען איז די הנהלת המוסדות פאריאר ביים מגבית השנתי ארויס מיט א קאמפיין, אז וויפל דער ציבור וועט זיך אונטערנעמען מיט הבטחות במשך פונעם יאר וועט די ההנהלה אויסבארגן צו קענען באצאלן גלייך נאכן מגבית פאר די כלי קודש.

און ב"ה דער ציבור מוקירי תורה וידידי המוסדות בכלל און עלטערן פון די תלמידי המוסדות בפרט, האבן זיך אנגעחפן מיט שיינע סכומים, און בזכותכם האט מען געקענט ענדיגן פיהר געהאלטן, יא פ-י-ה-ר געהאלטן איר הערט גוט פ-י-ה-ר געהאלטן.

די מלמדים, מגידי שיעור האבן אזויפיל געקרכעצט במשך פונעם יאר, אבער נאכן מגבית, האבן זיי א ביסל געקענט אפאטעמען מיט א שמייכל אויפן פנים.

**ווען מיר עס ווידעראמאל קענען באווייזן דאס יאר?**

**ווען מיר זיי קענען ארויפברענגען א שמייכל אויפן פנים?**

**וועלן מיר קענען מונע זיין א קרעכטץ פון זיי?**

אויף דעם קענט איר נאר ענטפערן.

**דער ענטפער ליגט ביי אייך אין מויל, און מיר וועלן אפענער רעדן, דער ענטפער ליגט ביי אייך אין טאש...**

ס'איז צום האפן אז דער ציבור אנשי שלומינו וועט זיך אויך היי יאר ביים מגבית אנשטרענגען, מיט סכומים יותר מכפי היכולת, כדי מיר זאלן קענען ווידער-אמאהל אויסצאלן עטליכע חדשים פאר די כלי קודש, און דער גרויסער זכות פון די תינוקת של בית רבן שלא טעמו טעם חטא, און דער גרויסער זכות פון רבותינו הק' בעל דברי יואל ובעל ברך משה זי"ע וועט אייך אוודאי ביישטיין איר זאלט געהאלפן ווערן בכל מילי דמיטב.



על פי הגורל:

# ספעציעלע הגרלה פאר די וואס ברענגען מיט ביים דינער דעם סכום פון $100 קעש און העכער

### נאך ווערדפולע הגרלות וועלן אויסגעפאלט ווערן ביים דינער

### נייע קונטרס "הקפות הבהיר" וועט פארטיילט ווערן פאר אלע משתתפי המעמד אלס מזכרת פונעם דינער

ווי יאר יערליך גייט די הנהלת המוסדות ארויס אויך די יאר מיט א ספעציעלע "קעש קאמפיין" ווי עס וועט אויסגעפאלט ווערן א ספעציעלע הגרלה פאר די וואס ברענגען מיט דעם מינמאלן סכום פון הונדערט דאלאר און העכער קעש צום דינער, און אזוי אויך די וואס חתמ'ענען אויף הוראת קבע פון הונדערט דאלאר און העכער.

שטייענדיג אין דעם שווערן מצב אין די טעג ווען די הנהלת המוסדות האלט אונטערשטעליג מיט עטליכע חדשים מיטן באצאלן פאר די מלמדים מגידי שיעור און מחנכים, קוקט די הנהלה ארויס קריטיש וויכטיג אויף ווי מער קעש מען זאל קענען באצאלן גלייך נאכן דינער פאר די איינגעשטעלטע אינערהאלב די מוסדות.

און ווי געמאלדן אין א אנדערע נייעס האט מען טאקע פאר א יאר געקענט צאלן איין השלמה פון איין חודש גלייך אויף מארגן נאכן דינער, דורך די קעש וואס אנשי שלומינו האבן געברענגט צום דינער, און די ההנהלה קוקט ארויס אויף היי יאר מ'זאל קענען ווייטער צאלן לכה"פ איין חודש פון די קעש, (אויסער די הלוואה וואס די הנהלה וועט אויסבארגן קעגן די געחתמ'טע הוראת קבע), און מ'האפט אויף מער.

אזוי אויך ווערט געמאלדן אז היי יאר ביים דינער ווערט פארטיילט ווערן א ספעציעלע שיינע מתנה פאר אלע משתתפי הדינער דעם קונטרס "הקפות הבהיר", מעשה ידי אומן נפלא פון איינעם פון די חשובע אברכי אנשי שלומינו דא אין ירושלים, א לקט נפלא בארבעט אלע מנהגי קודש פון רבותה"ק לבית סיגעט סאטמאר.

גלייכצייטיג וועט ווי יאר יערליך אויסגעפאלט ווערן א ספעציעלע גורל, פאר אלע וואס קומען צייטליך צום דינער.

ומה נעים גורלינו.

בקודש פנימה:

# קוויטלעך פון תורמי המוסדות וועט איבערגעגעבן ווערן לידיו הק' פון כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א

### בעת השתטחות על ציון המצוינת כ"ו אב יומא דהילולא רבא

קרית יואל: אין די טעג ווערן שוין געמאכט די לעצטע הכנות, לקראת דעם יומא דהילולא רבא פון איתן אדונינו רביהקוה"ט בעל דברי יואל זי"ע, וואס מקום מנוחת קדשו געפינט זיך אין קרית יואל, רבבות רבבות אידן שטראמען אין טאג פון גרויסע הילולא, צום ציון המצוינת, קודש הקדשים, און גיסן זיך דאס הארץ, צו געהאלפן ווערן מיט ישועות ורפואות, פארן כלל און פארן פרט.

ללא שום ספק, אז דער קלימאקס פונעם טאג ביין היילגן ציון, איז דער עליה לציון און השתטחות פון טויזנטער אנשי שלומינו, וואס גייען ארויף צוזאמען מיט ממלא מקומו בקודש כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א, ווי דער רבי שליט"א איז מאריך בתפילה א לענגערע צייט, און דערנאך ליינט ער די קוויטלעך פון אנ"ש וואס געפונען זיך סמוך ונראה נעבן ציון.

אלס ספעציעלע מתנה האט די הנהלת המוסדות ערלעדיגט פאר די אלע תורמים פון 36 ש"ח פארן רבי מאיר בעל הנס בייטל, צו קענען שרייבן א קוויטל, וואס וועט איבערגעגעבן ווערן לידיו הקדושות פון רבינו שליט"א.

פילע אנשי שלומינו וואס זענען פארגאנגענעם כ"ט שבט יומא דהילולא רבא פון הגה"ק על קדושת יו"ט זי"ע מיטגעווען מיט רבינו שליט"א ביי די גרויסע נסיעה "בעבור אבותינו" אין די שטאט סיגעט, האבן מיטגעהאלטן פון דער נאנט, ווי נאך די אלע תפילות ביים ציון הק', האט רבינו שליט"א באקומען לידיו הקדושות די פעקל קוויטלעך פון תומכי מוסדותינו, וואס די הנהלת המוסדות האט אריבערגעשיקט קיין סיגעט, און דער רבי שליט"א האט געליינט יעדעס קוויטל באזונדער, און אנגעווינטשן ברכותיו הק'.

אין די טעג ווען די עסקני המוסדות דרייען זיך ארום צווישן אנשי שלומינו, ווערט אנגעזעהן א גרויס נאכפראגע ווי פילע אנשי שלומינו, ווילן אויך דעס מאל האבן די זכיה, צו זיך מזכיר זיין בעת רצון.

פועל'ט אלעס גוט'ס.

## א בליק אין די מוסדות הק'



כ"ק מרן רבינו שליט"א ליינט דעם קוויטל פון תלמידי ישיבתינו, וועלכע האבן זיך אונטערגענומען צו לערנען שעות רצופות - עשרת ימי תשובה תשע"א

ב"ה

# 2

# קליינע צעטלעך

## וואס האבן אריין געברענגט א עקסטאז פון פרייד ביי הונדערטער אידישע קינדער




ז' אלול תש"ע




ערב סוכות תשע"א

א פרייד ביי די צענדליגער נפשות אין די שטיבער פון די כלי קודש.

א פרייד ביי די הונדערטער תלמידי המוסדות ווען זייערע מחנכים האבן געהאט א רואיגערע קאפ.

א פרייד ביי די הונדערטער הורי התלמידים אז מען שיקט די קינדער צו א מחנך מיט מער געדולד.

א פרייד ביי די הונדערטער אנשי שלומינו זעהנדיג דעם שמייכל אויף די פנימ'ער פון די כלי קודש.

### וועלן מיר עס קענען באווייזן נאכאמאהל ?

מיר ווארטן אויף אייער ענטפער!!!

מוסדות יטב לב
דרבינו יואל
מסאטמאר

נתייסד ע"י כ"ק מרן רביה"ק בעל דברי יואל זי"ע
בהמשכת כ"ק מרן רביה"ק בעל ברך משה זי"ע
בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

עיה"ק ירושלים תובב"א

## דינער השנתי

יום א' כי תצא • ו' אלול תשע"א

עטרת שלום • ירושלים תובב"א



## וואס זענען מיר שולדיג

# אז אונזער טאטע איז נישט געווען קיין שוסטער?

געווען איז דאס אין די צייטן פון הייליגן רבי ר' אלימלך פון ליזענסק זי"ע ווי עס האט געבליהט די הייליגע חבריא, ריזיגע לייבן וואס האבן געשאקלט עולמות האבן זיך דארט געדרייט, און געדינט דעם באשעפער מיט מסירות נפש, און א שיינעם טאג ערשיינט ביים שוועל פון טיר פון הייליגן רבי ר' אלימלך זי"ע א יונגערמאן מיטן נאמען רבי נפתלי צבי, (וואס איז שפעטער באוואוסט געווארן אלס דער הייליגער ראפשיצער רב זי"ע) און גייט אריין צום הייליגן רבי'ן און בעט אז ער וויל אריין גענומען ווערן אין די חבריא קדישא.

אבער צו זייך גרויס באדויער האט ער באקומען פון הייליגן רבי ר' אלימלך א קאטאגארישן ניין, דו קענסט נישט אריין גענומען ווערן אין די חבריא קדישא.

צו זיין גרויס וואונדער פארוואס. האט ער באקומען די תשובה, היות דו ביזט א גרויסער יחסן, א זון פון הרה"ק רבי מנחם מנדל מלינסק זי"ע, און איינקל פון הרה"ק רבי איציקל מדרוהביטש זי"ע, אזא איינער קען נישט שטייגן מיט ביטול און הכנעה אינגאנצן, וואס קען חלילה שאטן פאר דיין שלימות.

דער אבי החכמים דער הייליגער ראפשיצער רב זי"ע האט זיך אבער נישט געלאזט און מיט חכמה נפלאה זיך אנגערופן, צום הייליגן רבי ר' אלימלך: "וואס בין איך שולדיג אז מיין טאטע איז נישט געווען קיין שוסטער?"...

די דברים היוצאים מן הלב, איז געווען קענטיג פאר היילגן רבי ר' אלימלך זי"ע אז דער יונגערמאן מיינט עס ערנסט, און האט מסכים געווען אים אריינצונעמען אין די הייליגע חבריא, און ווי ער איז שפעטער טאקע אויסגעוואקסן א כלי שלימה, וואס האט באלויכטן די וועלט.

דוכט זיך, אז די ווערטער פונעם אבי החכמים דער הייליגער ראפשיצער רב זי"ע קען זיין א לימוד פאר אונז אין די טעג.

### ונהיה העולם שמם

ווי באוואוסט נאך די צווייטע וועלט קריג ווען די וועלט איז געווארן אויס וועלט, רוב רובם פון כלל ישראל, ובראשם גדולי וצדיקי הדור זענען ליידער פארברענט געווארן אויף קידוש השם, ונהיה העולם שמם.

אבער דער רבונו של עולם, דער קורא הדורות מראש האט רחמנות געהאט אויף כלל ישראל און איבערגעלאזט עטליכע צדיקים זיי זאלן צוריק אויפשטעלן און אויפבויען כלל ישראל, נישט אזוי גרינג איז דאס אנגעקומען פאר די אודים מוצלים מאש וואס זענען געווען צוקלאפט און צובראכן אויף שברי שברים, אבער מיט סייעתא דשמיא האט מען צוריק אויפגעבויעט א לגיון פארן מלך מלכי המלכים הקב"ה.

### ויבוא גם השטן בתוכם

אבער ויבוא גם השטן בתוכם, דער שטן האט אין יענע טעג אויך נישט גערוהט, און טאקע אין יענע שווערע טעג האט ער אריינגענארט רוב רובם פון כלל ישראל אינעם טריפה'נעם רעיון הציוני וואס האט אויסגע'שמד'ט רוב כלל ישראל, והדברים ידועים.

אבער דער שווערסטער חלק וואס דער שטן האט אפגעטוהן פאר כלל ישראל, איז דער חלק פון די פרומע שותפים וואס האבן זיך צוגעשטעלט צו די מרכבה הטמאה, און זענען געווארן עצם מעצמם, עכ"פ למחצה לשליש ולרביע.

פארשטייט זיך אז די ארבעט איז פארן שטן נישט געווען אזוי גרינג, ביי רוב קהלות וואס האבן

זיך צוגעשטעלט צו די מדינה של גיהנום, זענען זייערע זיידעס און רבי'ס געווען פון די גרעסטע לוחמים קעגן דעם רעיון הציוני, טא וויאזוי קען מען בוגד זיין ברבותם ובאבותם, אבער דער שטן האט זיך מיט דעם אויך א עצה געגעבן.

ער האט אנגעהויבן צו לייגן לאטעס ווי א שיסטער לייגט אויף צוריסענע שיך, אויף די אלע פראבלעמען, קודם האט ער ארויפגעברענגט די אלטע טענה "מדינה שאני" דערנאך, מ'גייט אריין נאר ראטעווען אידישקייט, און היינט האלט עס שוין אז מ'גייט אריין נאר צו קענען האבן געלט פאר די מוסדות און ישיבות, ווען מ'פארקוקט אפילו אויף די לימודי קודש רחמנא לשיזבן והדברים ידועים.

## אחד היה אברהם

איין איינציגער מנהיג ישראל איז געווען דער צדיק הדור ומגינו מרן רביה"ק בעל דברי יואל זי"ע, ער האט זיך ארויסגעשטעלט ווי א לייב און נישט נאכגעלאזט קיין זיז כלשהוא, ער האט נישט געזיכט קיין לאטעס וויאזוי צו פארשטאפן די לעכער, ער האט זיך אוועקגעשטעלט בשער המחנה און געשריגן ווי א לייב מי לד' אלי.

פארשטייט זיך אז די זאך איז נישט גרינג אנגעקומען, און דאס קאסט נאך פאר אונז ביז היינט א טייערן פרייז, ביי די אנדערע מוסדות התורה, וואס האבן גענומען אויף זיך צו דינען אלס שיסטערס און פארלאטן די אלע קושיות, גיסט זיך געלט ווי וואסער, די מנהלי המוסדות פלאגן זיך אסאך אסאך ווייניגער ווי אונזערע מנהלים, די פעטע טשעקס וואס קומט אריין חודש'ליך געט צו עטליכע שעה טעגליך שלאף, פאר די יעניגע מנהלי המוסדות, מער ווי אוזערע מנהלים, די מלמדים אין די דאזיגע מוסדות התורה והחינוך דארפן נישט אזויפיל קרעכצן אויף זייערע מאגער געהאלט, ווען צוויי סיבות. איינס: ווייל ס'איז נישט אזוי מאגער. און צווייטנס: ווייל זיי באקומען עס באצייטנס.

מ'כאפט א בליק אויף זייערע פרעכטיגע בניני המוסדות, ריזיגע שיינע בנינים שפראצן ארויס פון יאר צו יאר, און מאידך גיסא די ארימקייט וואס שרייט ארויס פון יעדן ווינקל, ביי אונזערע הייליגע מוסדות, אין די בחינה פון והעיר האלוקים מושפלת עד שאול תחתיה.

## והבדילנו מן התועים

אבער ס'איז אלעס כדאי, אונז שרייען מיר אויס טעגליך ברוך אלוקינו שהבדילנו מן התועים, ונתן לנו תורת אמת, אונזער הייליגער רבי אבינו רועינו איז נישט געווען קיין שיסטער וואס האט געלייגט לאטעס צו פארשטאפן די אלע איסורים, וואס איז אסור איז געווען ביי אים אסור אויף יעדן פאל, און אפילו ס'האט געקאסט א טייערע פרייז, און אונז דאנקן מיר דעם באשעפער טאג טעגליך אויף דעם, אפילו עס קומט אן ביטער שווער.

אבער טייער אידן. אונזערע מלמדים מגידי שיעור כלי קודש שרייען און פרעגן, די קשיא וואס דער הייליגער ראפשיצער רב זי"ע האט געפרעגט, וואס זענען מיר שולדיג אז אונזער הייליגער פאטער איז נישט געווען קיין שיסטער, מיר זענען מוכן מיט מסירות נפש צו גיין אין פייער און אין וואסער פאר די הייליגע שיטה, אבער מסירות נפש האט אויך א שיעור.

וואס זאלן אונז ענטפערן פאר קינדער ווען עוללים שאלו לחם, ואין, פארוואס דארפן מיר ליידן אזויפיל?

***לאמיר זיי אלע אויסשרייען:***

**מיר וועלן טוהן אלעס אין די וועלט צו לינדערן אייער פיין!**

**מיר וועלן טוהן אלעס אין די וועלט צו האבן א חלק אין אייער מסירות נפש!**

**מיר וועלן טוהן אלעס אין דער וועלט, די הנהלה זאל אייך קענען אויסצאלן אייער אזוי אויך מאגערע געהאלט!**

**מיר וועלן טוהן אלעס אין די וועלט איר זאלט זיך נישט דארפן שעמען, אז איר זענט איינגעשטעלט אין די מוסדות פון אונזער הייליגן רבי'ן זי"ע!**

**פארוואס האט רביה"ק זי"ע ארויסגענומען א הלוואה פון בנק?**

לייענט קומענדיגן וואך אי"ה

### ברוכים הבאים בשם ה':

# אנשי שלומינו נעמען אויף מיט גרוים עהרע תומכי המוסדות

ירושלים: אין די טעג זענען ערשיינען אין ירושלים עטליכע געסט נגידים בעם, תומכי המוסדות, ווי אנשי שלומינו האבן זיי מקבל פנים געווען ביותרת הכבוד, און מיט גרויס עהרע.

ספעציעל זעהט זיך אן אין די טעג דער ראש וראשון לכל דבר שבקדושה מעמודי התווך והיושבים ראשונה במלכות סאטמאר, הטפסר המרומם, הרבני החסיד מוה"ר מנחם גרשון לעבאוויטש הי"ו, מנהל מוסדות סאטמאר וויליאמסבורג ויו"ר הנהלת מוסדות יטב לב בארה"ב.

ר' מנחם גרשון הי"ו איז בכלל נישט קיין פנים חדשות אין סאטמאר בכלל, און אין סאטמאר ירושלים אוודאי און אוודאי נישט, גלייך נאך ווען רביה"ק בעל ברך משה זי"ע איז ארויף בסערה השמימה אינעם ביטערן טאג כ"ו ניסן תשס"ו, ווען די ראשי הקהילה דאהי זענען געווען אובדי עצות, וויסנדיג אז ס'מוז אוועקגעשטעלט ווערן אייגענע מוסדות לטובת אונזערע קינדער, האט מען נישט געוואוסט דעמאלטס וואו זיך צו ווענדן, יעדער איינער פון די ראשי הקהילה אין אמריקע איז געווען פארלוירן, ווי קען מען זיך אונטערנעמען א פרישן פראיעקט, ווען אין אמריקע אליינס האט מען געדארפט אויפשטעלן עולמות של תורה.

אונזער קהילה האט זיך געפונען דעמאלטס אין א מצב פון אין לה "מנחם", אבער אין לייב, טאקע דער וואס האט זיך גענומען דעם גרויסן עול פון די מוסדות אין וויליאמסבורג, ווי ס'האט זיך אין איין טאג אויפגעשטעלט א נעץ פון מוסדות פאר טויזנטער אינגלעך און מיידלעך, טאקע דער זעלבער האט זיך ארויסגעשטעלט אלס "מנחם" ציון ובונה ירושלים, און האט געלאזט וויסן פאר די ראשי הקהילה עלי ועל צווארי, טאנצט אריין און בעז"ה וועלן מיר אייך שטיין צו הילף.

ר' מנחם גרשון, זייענדיג מקיים דעם אמור מעט ועשה הרבה, פארגעסט טאקע נישט ביזן היינטיגן טאג פון די מוסדות אין די קהילה אין ירושלים, יעדע פראבלעם קטן כגדול פינאנציעלע און מאראלישע, איז ר' מנחם גרשון דער ערשטער אדרעס, און ב"ה ער אנטווישט אונז קיינמאהל קיינמאהל.

גלייכצייטיג איז מיט ר' מנחם גרשון צוזאמען מיטגעקומען דער ברא כרעה דאבוהו, הר"ר חיים לעבאוויטש הי"ו, וואס מ'קען בפה מלא אנרופן, ר' חיים, אלס דער רוח ה"חיים" פון די מוסדות דאהי אין ירושלים.

שוין עטליכע מאהל פון די הנהלת המוסדות האט זיך געפונען אין א שווערן מצב, האט מען זיך פארבינדן מיט ר' חיים, ווי ער איז געקומען צו הילף, מיט פאנטאסטישע סכומים, וואס ווען אונז וואלטן מיר געוואוסט אז רצונו פון ר' חיים דאס צו מפרסם זיין, וואלט מען געדארפט אנפילן גאנצענע עמודים צו מפרסם זיין עושי מצוה, אבער רצונו של אדם זהו כבודו, וועלן מיר זיך מוזן אפשטעלן דא, נאר ארוסצוברענגען אונזערע געפילן אויפן שפיץ גאפל, ווייל פטור בלא כלום אי אפשר.

בלייבט אונז נאר איבער צו וואונטשען אז דער זכות פון תורה על טהרת הקודש אין ירושלים עיה"ק, א פלאץ וואו אלע תפילות גייט דורך איר, וועט אייך אוודאי ביישטיין, צו געהאלפן ווערן בכל מילי דמיטב בני חיי ומזוני רוויחי וסייעתא שמיא.

וראה בטוב ירושלים.

---

**אלקא דמאיר עננו:**

## נייע פראכטפולע צדקה פושקעס וועט פארטיילט ווערן פאר אנ"ש שיחיו

**כ"ק מרן רביה"ק בעל דברי יואל זי"ע**
**אין א מכתב קודש**
**פאדערט פון יעדן איינעם מאנ"ש**
**צו אריינגעמען די פושקעס**

**כ"ק מרן רבינו שליט"א: מוסדות יטב לב איז געווען ביים פעטער די ערשטע צדקה**

אין די טעג פונעם דינער ווערט אפגעצייכנט 4 יאר זייט די מוסדות האט די ערשטע מאל אויסגעטיילט צדקה פושקעס אין די שטיבער פון אנשי שלומינו, אלס עסקן צו צוזאמנעמען די פושקעס איז אויפגענומען געווארן, איינע פון די גרויסע עסקנים אינערהאלב קהילתנו הק', הרה"ח ר' פסח עקשטיין הי"ו, וועלכער טוהט זיין ארבעט בנאמנות שוין עטליכע יאר, און האט שוין זייט דעמאלט אריינגעברענגט שיינע סכומים לטובת די מוסדות.

זייט דעמאלט איז שוין ב"ה צוגעקומען פרישע יונגעלייט וועלכע ווילן האבן ביי זיך אין שטוב די צדקה פושקע פון די הייליגע מוסדות גלייבנדיג זיכער אין די רבי מאיר בעל הנס סגולה, און אין די הייליגע ווערטער פון רביה"ק בעל דברי יואל זי"ע: "איך וועל נישט שולדיג בלייבן ווער עס וועט העלפן מיינע מוסדות". אזוי אויך פלעגט רביה"ק בעל ברך משה זי"ע אלס רעדן פון די גרויסקייט און חשיבות פון שטיצן די מוסדות, אויך רבינו הגה"ק שליט"א פאדערט כסדר פון אנ"ש צו שטיצן די מוסדות, און ווי ס'איז רגיל על לשונו "מוסדות יטב לב דארף זיין די ערשטע צדקה". אזוי אויך איז שוין ביי פילע אנשי שלומינו די אלטע פושקעס ארויס פון באנוץ, ווי מ'האט שוין געמוזט טוישן נייע פושקעס.

יעצט ביים דינער וועט אי"ה זיצן דער עסקן המוסדות הרה"ח ר' פסח הי"ו און אויסטיילן די נייע צדקה פושקעס. ס'איז צום האפן אז אנ"ש - אויך די וואס האבן נאכנישט די פושקע - וועלן יעצט אהיים נעמען די פושקע וואס איז א גרויסע הילף פאר די מוסדות.

קחו ברכה אל תוך ביתכם.

# קריאת קודש

# מכ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א

## מיוחד לאנ"ש עיה"ק - בדבר החזקת מוסדותינו הק'

**אהרן טייטלבוים**

**אבדק"ק סאטמאר**

ב"ה

כיהודא ועוד לקרא לדברי כ"ק מרן דו"ז הגה"ק זללה"ה וכ"ק מרן אאמו"ר הגה"ק זללה"ה אבוא בקריאה של חיבה לאנ"ש היקרים דרי עיה"ק ירושלים ת"ו לבוא לעזרת ה' בגיבורים ולשאת בעול המוסדות הקדושים בנוסף לתמיכת אחב"י יושבי חו"ל, כי החזקת הת"ת הטילו חכז"ל בפרטיות על יושבי העיר, ובפרט בצוק העתים הללו אשר רוחות זרות מנשבות בעולם החוב מוטל עלינו לחזק המוסדות הק' אשר ממקור טהור יהלכון מבלי התערבות שום השפעות אשר אין רוח חכמים נוחה הימנו, ואשרי הנוטל חלק בקיום התורה והמשכת דורותינו על דרך ישראל סבא, וזכות המצוה יגן עליכם להוושע בכל משאלות לבבכם לטובה, ותזכו לגדל צאצאיכם בדרכי התורה והיראה, ובפרוס השנה החדשה הבאה עלינו לטובה אשא כפי להי שכולנו יחד כל בית ישראל נכתב ונחתם בספרן של צדיקים ונזכה לשנת גאולה וישועה בב"א.

וע"ז באעה"ח פ' ראה תשע"א לפ"ק

הק' אהרן טייטלבוים